קאָפּיע

צום
פאַרבאַנדס-ביוראָ פון מפ"ם

איך שיק אייך איבער א קאָפּיע פון מיין רעזיגנאַציע-ווענדונג צום פרעזידיום פון ראט פון דער שארית הפליטה.

א.ש.

צום

פרעזידיום פון ראט פון דער ש"ה

אין דייטשלאנד.

זייענדיק אין דער מיינונג און טיפער איבערצייגונג, אז דער צענטראל-קאָמיטעט האָט זיך א לענגערע צייט אויסגעהערט צו זיין דער אָרגאַן וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע אינטערעסן, און נים האַנדלט מער קיין געזעל-שאַפטלעכן פאָרום פון קעמפן פאַר מיין שטעלונג, בין איך געצוווּנגען אַרויס-צוטרעטן פון פּרעזידיום פון ראט.

ס'איז מיר נים מעגלעך ווייטער מיטפאַראַנטוואָרטלעך צו זיין פאַר דער פּאָליטיק, וועלכע דער צענטראל-קאָמיטעט פירט אין א גאַנצער ריי פראגן, וואָס האָבן א שייכות דירעקט אָדער אומדירעקט צו די אינטערעסן פון דער ש"ה.

מיטמאַכנדיק די פּאָליטיק פון ד"ר אויערבאך, ראַבינער אָרנשטיין און אַנדערע – די זעלבס-פאַרטרעטער פון די יידישע אינטערעסן, האָט דער צ.ק. אָביעקטיוו גע-פירט א פּאָליטיק, וועלכע איז אין סתירה צו אונדזערע אינטערעסן.

אין דער פראגע פון ווידערגוטמאַכונג טראָגט דער צ.ק. די גאַנצע שולד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

איך קען אויך נים איינשטימען מיט דער פּאָליטיק פון צ.ק. אין דער פראגע פון באַציונג צו דער דייטשער רעגירונג. די פּאָליטישע טענדענצן און ריכטליניען פון צ.ק. פירן קאָנסעקווענט צו צוזאַמענאַרבעט מיט דער רעאַקציאָ-נערער דייטשער רעגירונג, וואָס וועט מיטהעלפן רעהאַביליטירן אין די אויגן פון דער וועלט דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון דער דייטשער רעגירונג.

דער צ.ק. נעמט אויף זיך צופיל קאָמפּעטענץ אין פראגן פון "מאַכן מלוכה-פּאָליטיק", וואָס קען קאָמפּראָמיטירן אונדזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

דער צ.ק. איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן אינסטרומענט פון דער דייטשער יהודים-פּאָליטיק.

דאָס אַלץ איז קעגן מיין מענטשלעכער, נאַציאָנאַלער און אידעאישער איבער-צייגונג און געפילן. איך בעט דעריבער דאָס פּרעזידיום אָנצונעמען מיין רעזיגנאַציע.

מיט ציוניסטישן-
גרוס:

מינכן, דעם 5-טן דעצעמבער 1949

אפרים שרייער

צום

פּרעזידיום פון ראט פון דער ש"ה

אין דײטשלאנד.

---

זײענדיק אין דער מײנונג און טיפער איבערצײגונג, אז דער צענטראל-קאָמיטעט האָט זיך א לענגערער צײט אויפגעהערט צו זײן דער אָרגאַן וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע אינטערעסן, און ניט האָבנדיק מער קײן געזעל-שאפטלעכן פאָרום פון קעמפן פאר מײן שטעלונג, בין איך געצוואונגען ארויס-צוטרעטן פון פרעזידיום פון ראט.

ס'איז מיר ניט מעגלעך ווײטער מיטפאראנטוואָרטלעך צו זײן פאר דער פּאָליטיק, וועלכע דער צענטראל-קאָמיטעט פירט אין א גאנצער רײ פראגן, וואָס האָבן א שײכות דירעקט אָדער אומדירעקט צו די אינטערעסן פון דער ש"ה.

מיטמאכנדיק די פּאָליטיק פון ד"ר אוערבאך, ראבינער אָרענשטײן און אנדערע – די הויפּט-פארטרעטער פון די יידישע אינטערעסן, האָט דער צ.ק. אָביעקטיוו גע-פירט א פּאָליטיק, וועלכע איז אין סתירה צו אונדזערע אינטערעסן.

אין דער פראגע פון ווידערגוטמאכונג טראָגט דער צ.ק. די גאנצע שולד און פאראנטוואָרטלעכקײט.

איך קען אויך ניט אײנשטימיק זײן אין דער פּאָליטיק פון צ.ק. אין דער פראגע פון באציונג צו דער דײטשער רעגירונג. די פּאָליטישע טענדענצן און ריכטליניען פון צ.ק. פירן קאָנסעקווענט צו צוזאמענארבעט מיט דער רעאקציאָ-נערער דײטשער רעגירונג, וואָס וועט מיטהעלפן רעהאבּיליטירן אין די אויגן פון דער וועלט דעם אײגנטלעכן כאראקטער פון דער דײטשער רעגירונג.

דער צ.ק. נעמט אויך זיך צופיל קאָמפּעטענצן אין פראגן פון "מאכן מלוכה-פּאָליטיק", וואָס קען קאָמפּראָמיטירן אונדזער נאציאָנאלן שטאָלץ.

דער צ.ק. איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן אינסטרומענט פון דער דײטשער יהודים-פּאָליטיק.

דאָס אלץ איז קעגן מײן מענטשלעכער, נאציאָנאלער און אידעאישער איבער-צײגונג און געפילן. איך בעט דעריבער דאָס פּרעזידיום אָנצונעמען מײן רעזיגנאציע.

מיט ציוניסטישן-

גרוס:

אפרים שרײער

מינכן, דעם 5-טן דעצעמבער 1949